STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10887

TAKONES FUN YIDISHN OYSLEYG

Yidisher Visnshaftlekher Institut

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

I. דער סדר פֿון אַלף־בית

1. דער סדר פֿון די אותיות אין אַלף־בית איז אַזאַ: א, ב, בֿ, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, כּ, כ (ך), ל, מ (ם), נ (ן), ס, ע, פּ, פֿ (ף), צ (ץ), ק, ר, ש (ש), תּ, ת.

אַ, אָ, וּ, װ, וי, יִ, ײ, ײַ רעכענען זיך ניט פֿאַר קיין באַזונדערע אותיות אין אַלף־בית.

II. גראַפֿיק

אַלף

2. מיר שיידן אונטער דרײַ מינים אַלף: א, אַ, אָ. די אותיות הייסן: אַלף, פּתח אַלף, קמץ אַלף.

אומבאַהאָלפֿן, אימאַגאָ.

3. אין שרײַבן קאָן מען צונויפֿגיסן די נקודה מיטן אַלף.

4. אין אַזעלכע פֿאַלן, ווו נאָכן „שטומען" א גייט די קאָמבינאַציע ײַ, דאַרף דער פּתח שטיין אונטער די צוויי יודן, ניט אונטערן אַלף.

אײַזן, אײַנהילן, באַנדאַײַזן.

ניט: אַײזן, אַײנהילן אַאַזײַ.

בית און בֿית

5. מע דאַרף אָפּהיטן דעם חילוק פֿון בית ביז בֿית: בית (b) קומט אָן אַ פּינטל, בֿית (v) מיט אַ פּאַסיקל.

באַראַבעוועץ, בלײַבן; אגבֿ, הבֿל־הבֿלים, חבֿר.

וואָוו

6. ו (u, אין די ניט־ליטווישע דיאַלעקטן דאָס רובֿ i) קומט בדרך־כּלל אָן אַ פּינטל.

בוך, בלוט.

ניט: בוּך, בלוּט.

7. וואָוו מיט אַ פּינטל — מלופּם וואָוו — שטעלט מען:

א) פֿאַר אַ צווייטן וואָוו.

דירמווידאַט, טוּונג.

ב) פֿאַר אַ יוד וואָס באַצייכנט אַ j.

ברוזשוּר, אַקאַטיר.

ג) פֿאַר אָדער נאָך צוויי וואָוון (v).

ווּ, פּרוּוו, פּרוּווּנג.

8. עס ווערט רעקאָמענדירט צו שרײַבן די צונויפֿגעגאָסענע צוויי וואָוון דעמאָלט דאַרף מען שטעלן מלופּם וואָו נאָר פֿאַר אַ יוד וואָס לייענט זיך j





פֿאַרגלײַך:



יוד

9. י (i) קומט בדרך־כּלל אָן אַ פּינטל.

דזשינע, ליבע, צירונג.

ניט: דווינע, ליבע, צירונג.

10. יוד (i) מיט אַ פּינטל – חיריק יוד – שטעלט מען:

א) פֿאַר אַ וואָקאַל, אויב דער טראַף מיטן יוד איז אַקצענטירט.

טריאָ, ריאָ, באַציִונג, פּיִוס, קריִע, קיִעוו, בליִען, פֿריִער, ציִען.

ב) נאָך אַ וואָקאַל אָדער אַ דיפֿטאָנג.

אוקראַיִניש, עגאָיִסט, רויִק, בלויִנקער, פּאַרטייִש, מאַלײַיִש, אייראָפּעיִש.

ג) פֿאַר אָדער נאָך אַ יוד וואָס באַצייכנט אַ j.

ייִד (אויך ייִדיש, ייִדישקייט אאַז״וו), ייִחוּס, ייִנגל, ייִשוּב; אַפּייִדישן, פֿאַרייִדישן, פֿאַרייִנגערונג; מייִאַסק (אַ שטאָט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד).

11. אויב עס באַגעגענען זיך צוויי יודן און ביידע באַצייכענען זיי דעם i־קלאַנג, קומט ביידע מאָל חיריק יוד.

אַליִיִען, דייִ (,,געטער״ אויף לאַטײַן), האַרייִען, פֿרייִק.

12. דעם j־קלאַנג באַצייכנט מען קיין מאָל ניט מיט חיריק יוד.

יאָר, יונגט, יענער, מאַיאָר, ראַיעל.

צוויי יודן

13. מע דאַרף אָפּהיטן דעם חילוק פֿון יי (אין ליטוויש-אוקראַיִנישן יִידיש ej, אין פוילישן יִידיש aj) ביז ײַ (אין ליטווישן יִידיש aj, אין אַנדערע דיאַלעקטן ā). די אותיות הייסן: צוויי יודן, פתח צוויי יודן.

הײליק, (איך) הײן, זײעק, טײטל, לײב, (איך) נײ.

היַיליק, וויַין, זיַיעך, טיַיטל, ליַיב, ניַי.

גיב אכטונג: אומגעהיַיער, לאַטיַין.

כּף און כף

14. מע דאַרף אָפּהיטן דעם חילוק פֿון כּף ביז כף: כּף (k) קומט מיט אַ פינטל, כף (ch, x) אָן אַ פינטל.

כּדרכּה, כּל-ולך, כּלערליי; מכבד זיַין, מכפר זיַין, רעכט, שלעכט.

פּיי און פֿיי

15. מע דאַרף אָפּהיטן דעם חילוק פֿון פּיי ביז פֿיי: פּיי (p) קומט מיט אַ פינטל, פֿיי (f) מיט אַ פּאַסיקל.

פּראַכט, פֿראַכט; פּאָרן, פֿאָרן.

שין און שׂין

16. מע דאַרף אָפּהיטן דעם חילוק פֿון שין ביז שׂין: שין (š) קומט אָן אַ פינטל, שׂין (s) מיט אַ פינטל.

שיקן, שלמה; השׂכּלה, שׂונא.

תּוו און תוו

17. מע דאַרף אָפּהיטן דעם חילוק פֿון תּוו ביז תוו: תּוו (t) קומט מיט אַ פינטל, תוו (s) אָן אַ פינטל.

סתּירה, תּורה, תּכלית, תּענוג.

אחריות, טעות, סוחר (זיַין), סתירות.

פּשוטע אותיות און שלאָס-אותיות

18. פֿאַר אַן אַפּאָסטראָף (זע תּקנות 45—46) שטייט אַ פּשוטער אות.

איכ'ל, נומ' 1.

19. פֿאַר אַ מקף (באַהעפֿטער, דעפֿיס) קומט אַ שלאָס-אות.

בוך-אויסשטעלונג, יום-טוב, המן-טאַש.

דאָס איז פֿאַרשטייט זיך ניט שייך צו יענע פֿאַלן, ווו מע שפּאַלט אַ וואָרט צוליב אַריבערטראָגן עס פֿון איין שורה אויף דער צווייטער: אומ- גליק, טראַ- פֿנ- וויַיז, ספּ- רים, קאָכ- לע- פֿל.

נקודות

20. אויב מע ווילֿ, אין די אינטערעסן פֿון דעם ווינציק געניטן לייענער, שטעלֿן די העברעיִזמען מיט נקודות, קומען די נקודות לֿויט דער ייִדישער אויסשפּראַך. קיין שוואָ שטעלֿט מען ניט.

זכות־אָבֿות, חרפֿה, עת־צָרה, פּרנָסה, ראָש־המדבּרים, שער־בּלֿאַט.

21. ס'איז אויך אַ גאַנג צו שטעלֿן מיט אַ נקודה מערניט דעם באַטאָנטן טראַף.

זכות־אָבֿות, חרפה, עת־צָרה, פּרנָסה, ראָש־המדבּרים, שער־בּלֿאַט.

ראָשי־תּיבֿותן און קירצונגען

22. ראָשי־תּיבֿותן קומען פֿאַרשטריכלֿט. די שטריכלֿעך שטעלֿט מען פֿאַרן לֿעצטן טיילֿ; דערבײַ איז מען זיך מיט אַ פּרעפֿיקס נוהג ווי מיט אַ באַזונדער וואָרט.

אאַז״וו = און אַזוי ווײַטער; א״אַ, א״אַנד = און אַנדערע; אד״גלֿ = און דאָס גלֿײַכן; א״וו = און ווײַטערדיקע; א״י = ארץ־ישראלֿ; אַ״י = אַלֿט־ייִדיש; ב״א = בּוענאָס־אײַרעס; ד״ה = דאָס הייסט; דצ״וו = דאָס ציטירטע ווערק; ח״ח = חשובֿע(ר) חבֿר(ים); י״ה = יאָרהונדערט; מוכ״ז = מוסר כּתבֿ זה; נה״ד = נײַהויכדײַטש; נ״י = ניו־יאָרק; נ״ק = נאָך קריסטוסן; ע״פּ = על־פּי; ע״ע = עיקר שכחתי; פּ״ס = פּאָסטסקריפּט; פֿ״גלֿ = פֿאַרגלֿײַך; פֿסס״ר = פֿאַרבאַנד סאָציאַלֿיסטישע סאָוועטישע רעפּובלֿיקן; פֿ״ק = פֿאַר קריסטוסן; פּוע״צ = פּועלֿי־ציון; צ״ס = ציוניסטן־סאָציאַלֿיסטן; צ״ק = צענטראַלֿער קאָמיטעט; קוו״מ = קוואַדראַט־מעטער; ק״ק = קהילֿה קדושה, קראַנקן־קאַסע; שנ״פֿ = שיר ניט פֿאַרגעסן.

גיב אַכטונג: ד״ר = דאָקטאָר, מג״ד = מאַגיסטער, מ״ר = מיסטער, מיסעס = מר״ס.

ניט שרײַבן: א. א. וו., א. אַז. וו., א. אַנד., דר., צ. ק. און דאָס גלֿײַכן.

23. נאָך אַ ראָשי־תּיבֿות סוף זאַץ שטעלֿט מען ווי דער שטייגער אַ פּינטלֿ, אַ פֿרעגצייכן אאַז״וו.

ביסט געווען אין נ״י?

24. אויב ראָשי־תּיבֿותן זײַנען געוואָרן פֿעסטע ווערטער, מעג מען זיי אויסלֿייגן אָן שטריכלֿעך.

פּערזאָנען: בעשט, מהרשאָ, רמאָ, רשי.

אינסטיטוציעס: ביתר, וואַן, יִוואָ, ייִטאַ, ייִקאַ, נירא, צישאָ.

צאָלֿן: (דרײַ מאָלֿ) חי, רמח (אבֿרים), תרפּט (אלֿפֿים), תרצו.

ספֿרים: שס, תּנך.

25. אויב ראָשי־תּיבֿותן אויף כ, מ, נ, פֿ, צ זײַנען געוואָרן פֿעסטע ווערטער, שטעלט מען די שלאָספֿאָרם פֿון די דאָזיקע אותיות.

סקיף, פען (פען־קלוב ; זע תּקנה 143 א).

אָבער : פּוע״צ = פּועלי־ציון, צ״פֿ = צענטראַל־פֿאַרבאַנד, ר״פֿ = ראַטן־פֿאַרבאַנד.

26. אין קירצונגען ניצט מען דעם אַפּאָסטראָף.

קאַפּ' א, נומ' 6, ייִד' שרײַבער, ב' I.

ה'=הער, ח'=חבֿר, פֿ'=פֿרײַנד, פֿר'=פֿרוי, פֿרל'=פֿרײַלין.

ניט : קאַפּ. א, נומ. 6, ייִד. שרײַבער, ה. ליפּשיץ אאַז״וו.

גיב אַכטונג : בב'=בענד, זז'=זײַטלעך ; חח'=חבֿרים, להיפּך צו (זע תּקנה 22) : ח״ח=חשובֿער חבֿר (חשובֿע חבֿרים).

27. ערשטע נעמען קירצט מען אָבער מיט אַ פּינטל.

מ. ראָזענפֿעלד. — ה. ד. נאָמבערג. — גר. גערשוני. — ה' א. (האָט געזאָגט).

ח. לעווין=חיים לעווין, ח' לעווין=חבֿר לעווין ; ה. ליפּשיץ=הירש ליפּשיץ, ה' ליפּשיץ=הער ליפּשיץ.

וועגן ד״ר, מג״ר, מ״ר, מר״ס זע תּקנה 22.

28. אויב אַ קירצונג גיסט זיך צונויף מיט אַ גאַנצן וואָרט, אָדער מיט אַ צווייטער קירצונג, שרײַבט מען דעם צונויפֿגאָס אין איינעם, אָן שום אָפּשייד־סימן.

נעזערד, ייִדטוער, נאַצמינד, עקסטאַטסעקציע, פֿאָלקאָמבילד, קאָמבלעטלעך.

וועגן דעם באַנוץ פֿון אַפּאָסטראָף אין אַנדערע פֿאַלן זע תּקנות 45—46.

גרונט־ און סדר־צאָלן

29. נאָך גרונטצאָלן אין מיטן זאַץ קומט ניט קיין שום סימן.

(ער האָט) 3 ביכער. ברייטע נאָס 12 ווי 16. (דאָס שטייט אויף) ז' XIX (פֿון אַרײַנפֿיר). (אין זײַנע) ד אמות. (אין) קאַפּ' ג (שטייט).

30. אין סדר־צאָלן שרײַבט מען אויס די ענדונג. מע שטעלט זי צו גלײַך צום ציפֿער, אָן אַ מקף אין מיטן.

(אין) 3טן (קלאַס). (אין) 20סטן (נומער). — ע״פּ אַנאַלאָגיע אויך : (דער) 1טער (מײַ).

ניט : 3 קלאַס, 3. קלאַס, 3־טן קלאַס.

31. רוימישע ציפֿער באַצייכענען דאָס רובֿ סדר־צאָלן. נאָך זיי שטעלט מען ניט קיין פּינטל. בײַם באַצייכענען נעמען פֿון הערשער שרײַבט מען ניט דעם אַרטיקל.

אין III קלאַס. אין XVI י״ה. קאַרל XII [=דער צוועלפֿטער] (האָט געפֿירט מלחמה מיט רוסלאַנד).

מאָסן, מינים געלט

32. אָן שטריכעלעך און אָן אַן אַפּאָסטראָף לייגט מען אויס די ווײַטערדיקע באַצייכענונגען פֿון מאָסן און מטבעות, וואָס זײַנען טיילווײַז ראָשי־תּיבֿותן, טיילווײַז קירצונגען.

33. מאָסן.

ממ=מילימעטער, צמ=צענטימעטער, דמ=דעצימעטער, מ=מעטער, דקמ=דעקאַמעטער, המ=העקטאָמעטער, קמ=קילאָמעטער.

מג=מיליגראַם, צג=צענטיגראַם, דג=דעציגראַם, ג=גראַם, דקג=דעקאַגראַם, הג=העקטאָגראַם, קג=קילאָגראַם.

מל=מיליליטער, צל=צענטיליטער, דל=דעציליטער, ל=ליטער, דקל=דעקאַליטער, הל=העקטאָליטער.

אַ=אַר, האַ=העקטאַר.

הפּ=פֿערדנקראַפֿט (ענגליש *horse-power*).

34. מינים געלט.

נעמען מיט ניט מער ווי דרײַ אותיות קירצט מען ניט.

אַרגענטינע: פּע=פּעזע; ס=סענט (סענטאַוואָס).
ארץ־ישׂראל: פֿ=פֿונט; מיל.
בעלגיע: בעל=בעלגאַ; פֿר=פֿראַנק; סאַנט=סאַנטים.
בראַזיל: $, מילר=מילרייס; ר=רייס.
דײַטשלאַנד: רמ=רײַכסמאַרק; רפֿ=רײַכספֿעניג (אויך: מ=מאַרק; פֿ=פֿעניג).
האָלאַנד: פֿל=פֿלאָרין (גולדן); צ=צענט.
טשעכאָסלאָוואַקײַ: ק=קראָן; ה=העלער.
ליטע: ליט; צ=צענט.
לעטלאַנד: לאַט; סאַנט=סאַנטים.
מעקסיקע: פּע=פּעזע; ס=סענט (סענטאַוואָס).
ענגלאַנד: £, פֿ=פֿונט; שיל=שילינג; פּ=פּעני (פּענס).
עסטלאַנד: ק=קראָן; ס=סענט.
עסטרײַך: שיל=שילינג; גר=גראָשן.
פּוילן: גל=גילדן; גר=גראָשן.
פֿאַראייניקטע שטאַטן: $, ד=דאָלאַר; ס=סענט.
פֿראַנקרײַך: פֿר=פֿראַנק; סאַנט=סאַנטים.
קאַנאַדע (זע פֿאַר' שטאַטן).
ראַטן־פֿאַרבאַנד: רוב=רובל; קאָפּ=קאָפּעקע.
רומעניע: ליי; באַן.
שווייץ: פֿר=פֿראַנק; סאַנט=סאַנטים.

35. אויב מע וויל ספּעציעל באַצייכענען: ארץ־ישראלדיקער פֿונט, עסטרײַכישער שילינג, שווייצער פֿראַנק, טשעכאָסלאָוואַקישע קראָן אאַז״וו, שטעלט מען דעם נאָמען פֿון לאַנד אין האַלבע לבֿנות.

פֿ (א״י), שיל (עסטר׳), פֿר (שוו׳), ק (טש׳).

סדר פֿון שרײַבן

36. בײַם באַשטימען דעם סדר פֿון שרײַבן אידעאָגראַפֿישע צייכנס, יאָר־צאָלן, געקירצטע נעמען פֿון מאָסן אָדער מינים געלט אאַז״וו, גייט דער כּלל אַזוי:

א) אויב מיר האָבן צו טון מיט מאַטעמאַטישע אָפּעראַציעס אָדער מאַטעמאַטישע סימבאָלן, שרײַבט מען אַזוי ווי ס׳איז אָנגענומען אין מאַטעמאַטיק, דהײַנו פֿון לינקס אויף רעכטס. זע תּקנות 37, 41.

ב) אויב מיר האָבן צו טון מיט ניט־מאַטעמאַטישע סימבאָלן אָדער מיט אַ לויפֿיקן טעקסט, גילט דער ייִדישער סדר שרײַבן, דהײַנו פֿון רעכטס אויף לינקס. זע תּקנות 38, 39, 40, 42.

37. מאַטעמאַטישע סימבאָלן, אַ שטייגער: פּראָצענט (%), פֿאַרהעלטעניש (:), וואָרצל (√‾), גראַד (°), מינוט (′), סעקונדע (″), מדרגה־ווײַזער, שטעלט מען אַלע מאָל אויף דעם אייגענעם אָרט, ווו זיי קומען אין מאַטעמאַטישע אָפּעראַציעס.

(די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין שטאָט באַטרעפֿט 30%. (מכבי האָט געוווּנען די שפּיל) 3 : 6 [=זעקס צו דרײַ]. אַנשטאָט √4 קען מען שטעלן ±2. (ס׳איז) 15° (וואַרעמקייט). (ס׳איז) 15°— (אין דרויסן). (ער איז דערפֿאָרן ביז) 15°26′45″. 3 מ² [=דרײַ קוואַדראַט־מעטער]. 4 מ³ [=פֿיר קוביק־מעטער]. 6⁸ [=זעקס אין דער אַכטער מדרגה].

38. בײַ ניט־מאַטעמאַטישע סימבאָלן, אַ שטייגער: נומער (№), פּאַראַגראַף (§), פֿון... ביז (—), גילט דער ייִדישער סדר שרײַבן, פֿון רעכטס אויף לינקס.

§ 3. (דאָס איז געשטאַנען אין) № 6. (דער דאָקטאָר נעמט צו) 9—11 (און) 5—7. (אין די יאָרן) תּרצה—תּרצז, תּרצה—צז. (די תּקופֿה פֿון דער רעאַקציע) 1815—1848. (אין די יאָרן) 1930—1935, 1930—35. (די יאָרן) 1900—902.

ניט: 3 §, 6 № אאַז״וו.

39. בײַ יאָרצאָלן, אויב מ׳איז אויסן עטלעכע יאָר, שטעלט מען אַ פּאַסיקל אין דער ברייט (—); אויב מ׳איז אויסן איין יאָר, שטעלט מען אַן אָנגעבויגן פּאַסיקל (/).

(אין משך פֿון די יאָרן) תּרצד—תּרצה, 1934 — 1935; תּרצד — צה, 1934—35.

אַבער: (אין בודזשעטיאָר, אין לערניאָר) תּרצה/תּרצו, תּרצה/צו, 1935/1934, 35/1934.

ניט: 35/1934, 35—1934, 1934—35.

40. בײַם שרײַבן די דאַטע געקירצטערהייט גילט דער ייִדישער סדר, פֿון רעכטס אויף לינקס: טאָג, חודש, יאָר. כּדי אויסצומײַדן טעותן, באַצייכנט מען דעם חודש מיט רוימישע ציפֿער.

ווילנע, דעם 3טן נאָוועמבער 1934 (עס בירגערט זיך אויך אײַן די שרײַבונג, איבערהויפּט אין בריוו: ווילנע, נאָוועמבער 3, 1934).

געקירצטערהייט: 3/XI/1934. 3/XI/34.

ניט: 3. 11. 34, 3. XI. 34, 3/XI/34.

41. אין מאַטעמאַטישע אָפּעראַציעס שטעלט מען בײַ באַנאָמענטע צאָלן ייִדישע קירצונגען אַזוי ווי לאַטײַנישע, דהײַנו פֿון לינקס אויף רעכטס.

10 m 4 cm — 3 m 8 cm = 6 m 96 cm

10 km : 2 = 5 km

10 zł 25 gr + 5 zł 40 gr = 15 zł 65 gr

מיט ייִדישע אותיות זעט דאָס אויס אַזוי:

10 מ 4 צמ — 3 מ 8 צמ = 6 מ 96 צמ

10 קמ : 2 = 5 קמ

10 גל 25 גר + 5 גל 40 גר = 15 גל 65 גר

42. בײַם ניצן געקירצטע נעמען בײַ באַנאָמענטע צאָלן אין אַ לויפֿיקן טעקסט גילט דער ייִדישער סדר שרײַבן, פֿון רעכטס אויף לינקס.

(דער שטריק האַלט) זעקס מעטער (מיט) פֿינף און צוואַנציק צענטימעטער; ממילא אויך: (דער שטריק האַלט) 6.25 מ, (האַלט) 6 מ 25 צמ.—(איך האָב אויסגעגעבן) דרײַ גילדן (מיט) פֿינף און זיבעציק גראָשן; ממילא אויך: (איך האָב אויסגעגעבן) 3.75 גל, 3 גל 75 גר.

קלאַמערן

43. אויף צו באַצייכענען אַ דערקלערונג דינען קײַלעכדיקע קלאַמערן (אָדער, ווי מע רופֿט זיי אַנדערש, „האַלבע לבֿנות").

ער ניצט זייער פֿיל דעמינוטיוון (פֿאַרקלענער־ווערטער).

44. אויף צו באַצייכענען דעם צוגאָב פֿון אַ ציטירער אין אַ פֿרעמדן טעקסט ניצט מען קאַנטיקע קלאַמערן [ ].

„מיר קענען ניט [! — דער׳] אײַנשטימען, אַז..."

ווען מיר נעמען דעם זאַץ „ער ניצט זייער פֿיל דעמינוטיוון (פֿאַרקלענער־ווערטער)" פֿון אַן אַנדער מחבר און מיר ווילן אָנווײַזן, אַז דער ע ר איז דאָס מענדעלע, וועלן מיר שרײַבן:

דער קריטיקער זאָגט: „ער [מענדעלע] ניצט זייער פֿיל דעמינוטיוון (פֿאַרקלענער-ווערטער)“.

דאָס אייגענע וועלן מיר שטעלן קאַנטיקע קלאַמערן, אויב די דער-קלערונג אויפֿן וואָרט „דעמינוטיוון“ איז ניטאָ אין אָריגינאַל, נאָר מיר גיבן זי צו:

דער קריטיקער זאָגט: „ער ניצט זייער פֿיל דעמינוטיוון [פֿאַרקלענער-ווערטער]“.

אַפּאָסטראָף

45. דער אַפּאָסטראָף קומט:

א) בײַ קירצונגען (זע תּקנות 26—28).

ב) בײַם צונויפֿגאָס פֿון אַ געקירצטן אַרטיקל מיט אַ סובסטאַנטיוו, אָדער פֿון אַ געקירצטן פּראָנאָמען מיט אַ ווערב, אָדער פֿון אַ פּראָנאָמען מיט אַ געקירצטן ווערב.

ס'וואַסער, (פֿון אונטער) דר'ערד.—מ'איז, ס'רעגנט.—איכ'ל, דו'סט, ער'ט, מיר'ן, איר'ט (נעמען); ט'ער (גיין), ט'מען (גיין), ט'איר (גיין).

ג) אויף צו באַצייכענען דאָס פֿעלן פֿון דער ענדונג אין געניטיוו פֿון סובסטאַנטיוון וואָס לאָזן זיך אויס אויף -ס.

אײַזיק-הירש ווײַס' ווערק; מאַרקס' „קאַפּיטאַל“.

אָבער: קריסטוסעס תּקופֿה.

ד) אויף אָפּצוטיילן דעם סופֿיקס -ן אָדער -ען אין דאַטיוו-אַקוזאַטיוו פֿון ווינציק באַוווּסטע פּערזאָן-נעמען.

(ער האָט געשריבן צו) מענקענ'ען; (אַ ליד וועגן) קאַטאַלאָני'ן.

46. קיין אַפּאָסטראָף קומט ניט (זע אויך די תּקנות 27—28, 32—35):

א) צווישן שורש און פּרעפֿיקס אָדער ענדונג.

ביילען, דער באָבען, צעזאָרן, שלמהן; מוסרן, פֿאַרמסרן, אָפּפּטרן, נפֿטרט.

ב) בײַם צונויפֿגאָס פֿון אַ פּרעפּאָזיציע מיט אַ געקירצטן אַרטיקל.

אויפֿן, אונטערן, מיטן, צוליבן, צום.

ג) אין די ווערטער: אַזאַן, אַן, כלעבן, סאַראַ, סטײַטש, סקאָצל (קומט). אויך אין ווערטער פֿונעם טיפּ: אויכעט, אָפּעט אאַז״וו.

אַריבערטראָגן אויף אַ נײַער שורה

47. אויף אַ נײַער שורה טראָגט מען אַריבער טראַפֿנווײַז; אָבער בײַ פּרעפֿיקסן רעכענען זיך מיטן עטימאָלאָגישן פּרינציפּ.

בי-כל, בי-כער, למ-דן, פֿאַר-ען, די-קן, מל-כה, מכנ-טשן.

זע תּקנה 19.

48. בײַם אַרײַנגעבן פֿרעמדשפּראַכיקע אותיות אין אַ ייִדישן טעקסט דאַרף מען זיך מיט זיי ווי ווײַט מיגלעך נוהג זײַן אויפֿן ייִדישן שטייגער.

49. בײַם אַריבערטראָגן פֿון איין שורה אויף אַ צווייטער דאַרף מען ענדיקן די פֿרעמדשפּראַכיקע ווערטער אויף דער רעכטער זײַט.

ענדלעך האָב איך געפֿונען די ערשטע אויסגאַבע פֿון היינעס Buch der Lieder. איך בין זייער צופֿרידן.

50. אויב עס קומט אויס אַריבערצוטראָגן אויף אַ צווייטער שורה פֿרעמד־שפּראַכיקע ווערטער וואָס שטייען אין האַלבע לבֿנות, דאַרף מען שטעלן די האַלבע לבֿנות גלײַך ס'וואָלט געווען אַ ייִדישער מאמר־המוסגר.

דער גרויסער געלערנטער שטיינשנײַדער שרײַבט וועגן מעשה־בוך (Serapeum 1866, הערה 2), אַז...

51. קיין געגנזן־פּיסלעך שטעלט מען ניט אויף אויסצוטיילן אַ פֿרעמד־שפּראַכיקן טעקסט.

איך האָב דאָס געלייענט אין די Transactions פֿון דער אַקאַדעמיע.

ניט: „Transactions“, “Transactions„.

52. אויב אַ הערה אונטערן טעקסט איז דורכויס פֿון פֿרעמדשפּראַכיקע אותיות, דאַרף מען שטעלן דאָס הערה־ציפֿערל לינקס:

[2] Jüdisch-Deutsche Literatur, Serapeum 1848--49.

53. אין אַזאַ הערה דאַרף מען אויסמײַדן ייִדישע ווערטער. זײַטל איז p. (אין אַ רוסישן טעקסט стр.); אַנשטאָט א אַ ז"וו קומט etc., אַנשטאָט אין שטעלן דאָס לאַטײַנישע in, אַנשטאָט א"וו: sq., אַנשטאָט דצ"וו: ibid.

54. אויב עס זײַנען נייטיק אין דער הערה ייִדישע טיילן אויך, איז בעסער אָנצוהייבן די הערה מיט אַ ייִדיש וואָרט; דעמאָלט קומט דאָס ציפֿערל רעכטס און מיט די פֿרעמדשפּראַכיקע ווערטער איז מען זיך נוהג ווי מיט אַ ציטאַט. אויב אָבער דער אָנהייב פֿון דער הערה איז אַ פֿרעמדשפּראַכיקער און דער ווײַטערדיקער טעקסט איז אַ ייִדישער, דאַרף מען אָנהייבן דעם ייִדישן טייל הערה פֿון אַ נײַער שורה.

III. וואָקאַלן און דיפֿטאָנגען

55. אַלף וואָרט־אײַן פֿאַר ו, וי, י, יי, ײַ.

אומעטיק, אורוון, אינדזל, איי, אײַזן.

56. דער א בלײַבט, ווען עס קומען צו פּרעפֿיקסן.

געאייקלט, געאײבלט, געאײַלט, פֿאַראומערט, אויסאײדלען, פֿאַראײַן.

57. דער א בלײַבט אין צונויפֿהעפֿטן (זע תּקנה 139, 139 א) און אין פֿרעמד־לעכע באַהעפֿטונגען וואָס זײַנען אַרײַן אין ייִדיש פֿאַרטיקערהייט (זע תּקנה 147 ב).

באַנדאַרײַז, באַקאַרוון, הינעדאַיי; אַריסטאָקראַטיזאַציע.

58. אויב אין אַ באַהעפֿטונג האָט דער צווייטער עלעמענט דעם הויפּט־אַקצענט און דער דאָזיקער צווייטער עלעמענט איז אַ פּרעפּאָזיציע וואָס הייבט זיך אָן מיט אַן א, שטעלט מען ניט דעם דאָזיקן א (זע תּקנה 147 א).

דורכויס, דערויף, דערונטער, דעריבער, דערײַן, דערין, פֿאַרויס.

59. פֿאַר נג, נק קומט: א) אַ (ניט ײַ), ב) ע (ניט יי), סײַדן דער נ און דער ג אָדער ק האָבן זיך באַגעגנט אין אַ צונויפֿהעפֿט.

א) לאַנג, שטאַנג; באַנק, קראַנק; געהאַנגען, געפֿאַנגען; דאַנקען, צאַנקען; געדאַנקט, געצאַנקט.

אָבער: ווײַנגאָרטן, ווײַנקעלער.

ב) לענגער, ענג; בענקען, שווענקען.

אָבער: קלײנגעלט, קלײנקרנסט.

60. קיין שטומען ע שטעלט מען ניט.

ליבע, לעבן.

ניט: ליעבע, לעבען.

61. איבערבײַט וי — יי אין סובסטאַנטיוון (פּלוראַל אָן ענדונג און מיט דער ענדונג ־ער אַנטקעגן סינגולאַר; דעמינוטיוו אַנטקעגן גרונטפֿאָרם).

פֿויגל — פֿייגעלע, ־ך — פֿייגל; הויף — הייפֿ(ע)ל(ע), ־עך — הייף; בוים —ביימ(ע)ל(ע), ־עך — ביימער.

62. איבערבײַט ו — י אין סובסטאַנטיוון און אַדיעקטיוון (אַדווערבן).

א) פֿוס — פֿיס(ע)ל(ע), ־עך — פֿיס; בוך — ביכ(ע)ל(ע), ־עך — ביכער.

ב) פֿרום — פֿרימ(סט)ער.

63. איבערבײַט י — ו און יי — וי אין ווערבן (פּאַרטיציפּ־שורש אַנטקעגן פּרעזענס־שורש).

א) י — ו: בינדן — געבונדן, געווינען — געוווּנען, געפֿינען — געפֿונען, דינגען — געדונגען, הינקען — געהונקען, זינגען — געזונגען, טרינקען — געטרונקען, קלינגען — געקלונגען אאַז״וו.

ב) יי — וי: בייגן — געבויגן, הייבן — געהויבן.

דאָס אייגענע מיט פּרעפֿיקסן.

אָנהייבן — אָנגעהויבן, פֿאַרבינדן — פֿאַרבונדן.

ממילא יי אין סובסטאַנטיוון געפֿורעמטע פֿון פּרעזענס־שורש.

(דער) אָנהייב, (דער) בייג, (די) דערהייבונג.

64. איבערבײַט וי–יי אין קרובֿישע ווערטער פֿון פֿאַרשיידענע וואָרטקלאַסן.

אויבן — (דער) אייבערשטער.

(דער) גלויבן, אײַנגלויבעניש — גלייבן, געגלייבט, גלייבונג.

גרויס — (די) גרייס (די גרויסע שטוב, די שטוב איז גרויס, די גרויסקייט; אָבער: די גרייס פֿון דער שטוב).

הויך — (די) הייך (דער הויכער באַרג, דער באַרג איז הויך; אָבער: די הייך פֿון דעם באַרג).

טויט — טייטן.

(די) נויט — (גע)נייטיק; נייטן, גענייט; (גע)נייטיקן זיך, גענייטיקט.

(דער) פֿראַנצויז, (די) פֿראַנצויזין, (די) פֿראַנצויזן — פֿראַנצייזיש.

רויט — רייטלען (זיך), גערייטלט.

(דער) רויך — רייכערן, גערייכערט.

IV. קאָנסאָנאַנטן

65. דז (ניט ז) נאָך ל און נ.

האַלדז, פֿעלדז; אונדז, אינדזל, געוויאָנדזלט, לינדז.

66. קיין שטומען ה שרײַבט מען ניט.

באַן, בין, געשען, האָן, הון, הינער, זען, געזען, נעמען (אין ביידע טײַטשן), צען, פֿירער, שעמעוודיק.

ניט: באַהן, ביהן, געשעהן, האָהן אאַז״וו.

67. וו (ניט פֿ) אין די ווײַטערדיקע ווערטער: בריוו; ווערסיפֿיקאַציע (אָבער: דער פֿערז); טײַוול; ליווערן (צושטעלן), ליוועראַנט; נערוו; פּרוּוו, פּרוּוון; שטיוול.

68. ס (ניט ז): דו ביסט.

69. פּ (ניט ב) אין די ווײַטערדיקע ווערטער: אויפּס, היפּש, פּויפּס, קעפּסווײַב, קרעפּס.

טאָפּעלע שרײַבונג: אויסגעוועבט, אויסגעוועפּט; קלעבן, קלעפּן.

70. פֿ (ניט וו): שקלאַף, שקלאַפֿערײַ.

71. צ נאָך ל: אַלץ.

אַלץ האָט ער זאָגט איז באַטראַכט. אַלץ איינס. ער איז נאָך אַלץ דער אייגענער.

72. צ (ניט ס) נאָך נ.

פֿינצטער, פֿענצטער.

73. אויף צו באַצייכענען די פּאַלאַטאַליזירונג („פֿאַרווייכונג“) פֿון אַ קאָנסאָנאַנט פֿאַר אַ וואָקאַל שטעלט מען י.

טיאָכקען, ליאַדע, ליאַליע, ליאַמע, קליאַמקע, ליאַרעם, ליובעניו, ליולקע, עליע, טוליען, סמאַליען, ניאַניע, ניאָמע, סאָניע; סאָסיע.

74. די פּאַלאַטאַליזירונג פֿון אַ קאָנסאָנאַנט בלײַבט ניט-באַצייכנט:

א) פֿאַר אַ קאָנסאָנאַנט.

לירלקע, סאָנקע.

ב) וואָרט-אויס.

קאָזאָן.

ג) אין אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער פֿון גריכישן אָדער ראָמאַנישן אָפּשטאַם.

בילעט, מאָלוסק, מאָלעקולאַר, פּאָלאַר, ראָלע, רעוואָלוציע.

ד) אין טייל פֿאַמיליע-נעמען.

לענין, לערמאָנטאָוו.

V. פּרעפֿיקסן און פּרעפּאָזיציעס

75. אױף סײַ ווי אַ פּרעפּאָזיציע סײַ ווי אַ פֿאָדערטייל בײַם ווערב.

אויף דער ערד; אויפֿהייבן, הייב אויף.

ניט: אױפֿן טיש; הייב אױף אאַז״וו.

76. אום-.

אומאָפּהענגיק, אומגליק, אוממינלעך, אוממענלעך, אומנוציק, אומענלעך.

ניט: אונאָפּהענגיק, אונגליק אאַז״וו.

77. אַנט-.

אַנטלױפֿן, אַנטלײַען; אַנטפּלעקונג.

אָבער: ענדגילטיק.

ניט: ענטלױפֿן, אאַז״וו. ניט: אַנטגילטיק.

78. אָפּ(-), אַראָפּ(-).

אָפּנעמען, נעם אָפּ; אַראָפּנעמען, נעם אַראָפּ.

ניט: אָבנעמען, אַראָבנעמען אאַז״וו.

79. ב-.

בגוואַלד, בנראַנדע, בלאָטע שבבלאָטע.

ניט: ביגוואַלד אאַז״וו.

80. באַ-.

באַגליקן, באַקומען; באַשײַמפּערלעך, באַשמעקט.

ניט: בעגליקן אאַז״וו.

81. בײַ(-).

בײַ מיר, בײַם זינען, בײַ דער זײַט; דערבײַ, פֿאַרבײַ; בײַבאַטײַט, בײַנאַרטל, בײַזאַך.

אילוסטראַציעס צו 80 און 81: ער איז בײַ געלט; ער איז באַגעלט (אָפּגעפּאַרבט. אויף געל). — בײַשטײַן דעם ניסיון; באַשטײַן זײַן שטעטל. — בײַליינען (צוגעבן) אַ באַשטעטיקונג; באַליינען דעם טיש מיט בלומען. — באַקומען; בײַקומען.

ניט: באַ מיר, באַם טיש אאַז״וו.

82. גע-.

געגרמען; געשריי.

ניט: גינומען, גישריי.

83. דער-.

דערבײַ, דערצו; דערציילונג; דערקוטשען.

ניט: דאַבײַ, דאַקוטשען אאַז״וו.

84. פֿאַר-.

פֿאַרבײַ; פֿאַרבינדן; פֿאַרלאַנג.

ניט: פֿערבינדן אאַז״וו.

85. פֿונאַנדער (-).

פֿונאַנדערנעמען, נעם פֿונאַנדער; פֿונאַנדערפֿאַל.

ניט: פֿאַנאַנדער, פֿאַרנאַנדער.

86. צו (-):

א) ווי אַ פֿאָדערטייל בײַם ווערב.

צוגיין, צוהאַלטן, צוטראַכטן. אויך אין די אָפּטײלעוודיקע פֿאָרמען: (איך) גיי צו, האַלט צו, טראַכט צו. אין פּאַרטיציפּן: צוגעגאַנגען, צוגעהאַלטן, צוגעטראַכט. אין דעם ערבאַטיווע סובסטאַנטיוון: צולאָג, צוגאַנג, צושפּרינגל.

ב) אין דער סופֿין־פֿאָרם פֿון ווערב; דערבײַ שרײַבט מען צו באַזונדער. אויב אָבער דער ווערב האָט בײַ זיך אַ פֿאָדערטייל, שרײַבט מען צו אין איינעם מיטן פֿאָדערטייל און מיטן ווערב.

(קומען) צו גיין; (געבן) צו וויסן; (ווי ס׳באַדאַרף) צו זײַן. — (ניטאָ וואָס) אָנצונעמען; (עס איז שווער דאָס) אָפּצוברעכן; (איך פֿיל זיך) צוצוגיין.

ג) ווי אַן אַדווערב, דאָס רובֿ פֿאַר אַדיעקטיוון און אַדווערבן; געשריבן באַזונדער.

צו גרויסע (טריט); צו פֿיל; וואָס צו (איז איבעריק).

ד) ווי אַ פּרעפּאָזיציע; געשריבן באַזונדער.

(קומען) צו זיך; (טראָג דאָס אַהער) צו מיר.

ה) אין אַזעלכע ווערטער ווי: צוזאַמען, צונויף, צוריק.

(זע תקנה 132 ב).

87. צ י.

צי דרייסטער! (ווער ווייס,) צי ער איז דאָ; צי יאָ צי ניין.

88. צ ע - (פשט: „פֿונאַנדער”).

צעגיין, צעלאָזן, צעקריכן; צעזייט, צעשפּרייט; צעשטערונג.

ניט: צוגיין אאַז״וו.

VI. סופֿיקסן און ענדונגען

89. - אָ ג, - י ק: זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג, דאָנערשטאָג, פֿרײַטאָג; ווייטאָג.
אָדער: זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, דאָנערשטיק, פֿרײַטיק; ווייטיק.
אָבער: מיטאָג, ווילטאָג.

90. - ה יי ט:

א) אין סובסטאַנטיוון (גיב אַכטונג, אַז אָן אַ פּתח).

מערהייט, פֿרײַהייט, שיינהייט.

זע תקנה 120.

ב) אין אַדווערבן (גיב אַכטונג, אַז ניט מיט ד).

געזונטערהייט, הייסערהייט.

91. - וואַ ר ג.

גאָרטנוואַרג, זיסוואַרג, קליינוואַרג, רייוואַרג.

92. - ווײַ ז.

טיילווײַז, משוגענערווײַז.

93. - ו נ ג.

אָרדענונג, וואָרנונג, פּרוּוונג.

94. - ט אין סובסטאַנטיוון אויף -נט מיט אַ פֿאָרויסיקן קאָנסאָנאַנט.

אָוונט, טשאָלנט, יוגנט, לײַוונט.

ניט: אָוונד אאַז״וו.

95. - ט ע.

אײַזלטע, חבֿרטע, פֿריערטע (פֿרײַערטע), שכנטע.

96. - י כ ע.

בעריכע, לייזעריכע.

97. - ים אין פּלוראַל.

דאָקטוירים, גאָאונים, פּויערים.

98. - ין, - י נ ט ע.

חבֿרטאָרין, לערערין, שנײַדערין; האַרינטע.

99. - י ע:

א) אין לענדער־נעמען.

איטאַליע, אינדיע, רומעניע, שפּאַניע.

ניט: איטאַליען, אינדיען אאַז״וו.

ב) אין ווערטער פֿונעם טיפּ: אינדוסטריע, מיטאָלאָגיע, פּאָעזיע.

ניט: אינדוסטרי, מיטאָלאָגי אאַז״וו.

100. -יק (-ן):

א) אין סובסטאַנטיוון.

-יק: איציק; סמיטשיק, ספּאָדיק.

-ניק, -ניצע: בעל־גאַווהניק, כּל־בוניק; בעל־גאַווהניצע אאַז״וו.

-טשיק: בערטשיק.

ב) אין אַדיעקטיוון און אַדווערבן.

-יק: ליכטיק, גלייביק.

-(ע)דיק: וואָכעדיק, יום־טובֿדיק, עקשנותדיק, פּרוכפּערדיק, שבתדיק.

-עוודיק: חנעוודיק, (באַ)ריידעוודיק, רירעוודיק.

ג) אין ווערבן.

רייניקן, שעדיקן.

101. -יש.

טערקיש, יידיש, פּויליש; מלוכיש, קרובֿיש; שטיפֿעריש; אידעיִש, איראָפּעיִש, העברעיִש; פּאַרטייִיש; מאַלייִיש.

ניט: יידעש אאַז״וו; ניט: מלוכהש אאַז״וו.

102. -לאָז.

היימלאָז, קינדערלאָז.

103. -לעך:

א) אין סובסטאַנטיוון.

ווײַרעך, לײַלעך; קינדערלעך, שטיבלעך.

ב) אין אַדיעקטיוון און אַדווערבן.

גליקלעך, מענטשלעך; פּאַמעלעך; בלינדלעך, זיסלעך.

ניט: -ליך אָדער -לאַך.

104. -סטו.

גייסטו, הרגעסטו, ממיחסטו, רײַסטו.

ניט: גייסט דו, גייסטע, הרגעסטי אאַז״וו.

105. -סקי, -צקי אין פֿאַמיליע־נעמען.

דאָסטאָיעווסקי, זשעראָמסקי, לינעצקי.

ניט: דאָסטאָיעווסקע אאַז״וו.

יידישע פֿאַמיליע־נעמען האָבן ניט קיין ספּעציעלע ווײַבלעכע פֿאָרם.

אסתּר־רחל קאַמינסקי.

ניט: קאַמינסקע, קאַמינסקאַ.

אָבער: סאָפֿיע פּעראָווסקאַיאַ, מאַריע קאָנאָפּניצקאַ.

106. אין אומבאַטאָנטע טראַפֿן וואָרט־אויס שטעלט מען אַלע מאָל ע, סײַדן עס איז דערויף דאָ אַן אַנדער כּלל (זע תּקנות 89, 96, 97, 100, 101, 104, 105, 117, 118).

ארצע (ארצעבּיסקופּ, זע תּקנה 135), טאַקע; ארבעט; האַנטעך (זע תּקנה 142), טישטעך, פֿארטעך; איידעם, ביזעם, ברײדעם, בעזעם, ברונעם, גערעדעם, וואָרעם (אין בײדע טײַטשן), כּעלעם, פּלוצעם, פֿאָדעם, פּורעם, שטורעם, שירעם; גומען, נאָמען; ארבעס, באָרוועס, עפּעס, פּאַלמעסן, קירבעס; טורעם; זעגעטש; אימעך (אימעצער), גענעך, גרענעך, ניוועך, עמעך (עמעצער), ערגעץ, פּענעך; אָקערשט; קערמעשל.

ניט: טאַקי, ארבײַט, האַנטוך, וואָרום, כּעלם, אָקאָרשט אאַז״וו.

אַנדערש אין טייל פֿאַמיליע־נעמען אויף ־ס. דאָ גילט, ווי תּמיד אין פֿאַמיליע־נעמען, די טראַדיציע אָדער דער ווילן פֿונעם נאָמען־טרעגער.

ביילים, שײַנים.

107. מיטלסטער ־ע־ אין סובסטאַנטיוון, אַדיעקטיוון און ווערבן.

אָרדענונג, האָפֿענונג, צײַכענונג, רעכענונג; באַדערפֿעניש, פֿאַרזעעניש; געזעענער, שטאָלענער; אָרדענען, צײַכענען, רעכענען.

108. ־עכץ.

אויסלײַגעכץ, געמויזעכץ, טרעכץ, טײַגעכץ; הינטערווײַלעכץ.

אַנדערש, אויב דער ־כ־ איז פֿון שורש און דער ־ט־ פֿון פּאַרטיציפּ:

אײַנגעמאַכטס, געקעכטס.

109. ־עלע, ־עלעך.

מײדעלע, מײדעלעך.

110. ־עם אין צונויפֿוואַקס פֿון אַ פּרעפּאָזיציע מיטן אַרטיקל:

אין צונויפֿוואַקסן פֿון פּרעפּאָזיציעס אויף ־ן מיטן אַרטיקל שרײַבט מען ־עם.

אינעם, אָנעם, פֿונעם.

ניט: פֿונם, פֿונ׳ם.

111. ־עם אין אַדיעקטיוון.

־עם אין דאַטיוו־אַקוזאַטיוו סינגולאַר:

א) אויב דער שורש פֿון אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אויף ־ן.

(דעם) אײגענעם, ברוינעם, געזעענעם, גרינעם, זײַדענעם, טרוקענעם.

ב) אויב דער אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אין ערשטן פֿאַל אויף ־נע.

(דעם) מאָדנעם, סטאַטעטשנעם.

112. ־ען אין סובסטאַנטיוון.

־ען (און ניט ־ן סתּם) קומט אין סובסטאַנטיוון:

א) אין דאַטיוו־אַקוזאַטיוו, אויב דער נאָמינאַטיוו ענדיקט זיך אויף ־ע.

(דער) באָבען, מאַמען, מומען; לײבקען, ליפּען, סאָנרען.

אָן ־ע־ בלויז: (דעם) זײדן, (דעם) טאַטן.

ב) אין פלוראַל, אויב דער סינגולאַר ענדיקט זיך אויף אַ וואָקאַל, אויף ־נג, אויף ־נק.

אויפטרעג, פרויען; שלאַנגען; פונקען.

ג) אין פלוראַל פון סובסטאַנטיוון אויף ־ל מיט אַ פאָרויסיקן קאָנסאָנאַנט.

אייזלען, היטלען, מאַנטלען.

113. ־ע־ שרײַבט מען ניט אין סובסטאַנטיוון:

א) אין דאַטיוו־אַקוזאַטיוו סינגולאַר פון פערזאָן־נעמען וואָס ענדיקן זיך אויף ־נג, ־נק.

לעסינגן; (לוי) בלאַנקן.

ב) אין געאָגראַפישע נעמען פונעם טיפ: באַדן, העסן, מינכן, פרײַסן, שוואַבן.

אָבער: טירינגען (ע״פ אַנאַלאָגיע מיט 112 ב).

114. ־ען אין אַדיעקטיוון.

־ען (און ניט ־ן סתם) קומט אין דער בייגונג פון אַדיעקטיוון, אויב דער שורש ענדיקט זיך:

א) אויף אַ וואָקאַל אָדער אַ דיפטאָנג.

(דעם) בלויען, פרײַען, פריען.

אָבער: (דעם) נײַעם.

ב) אויף ־ם.

(דעם) לאָמען, קרומען.

אין אַלע אַנדערע פאַלן קומט ־ן, אַפילו אויב דער אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אויף ־נג, ־נק.

(דעם) הייכן, גרויסן, לאַנגן, קראַנקן; (די) קראַנקן־קאַסע.

גיב אַכטונג: (דעם) איידעלן (באַשײַצער).

ניט: איידלען.

115. ־ען אין ווערבן.

־ען (און ניט ־ן סתם) קומט אין ווערבן:

א) אין דער גרופע מיט ־ע־.

מעקען, פאַר־ען (זיך), פאַשען, קווויטשען (ווײַל: דו ציג מעקעט, פאַרעט זיך, פאַשעט זיך אאַז״וו).

אָבער: מעקן, צונויפפאָרן, צופאַסן, ווישן (ווײַל: איך מעק, פאָר צונויף, פאַס צו, וויש).

ב) אויב די ערשטע פערזאָן סינגולאַר פון פרעזענס ענדיקט זיך אויף אַ וואָקאַל אָדער אַ דיפטאָנג.

רועָן, געטרויען, בליִען, דרייען, לייען.

גיב אָבער אכטונג: גייען, זען, טון, שטיין אין אינפיניטיוו, להיפך צו: (מיר, זיי) גייען, זעען, טוען, שטייען. — גיב אכטונג: געזען.

ג) אויב די ערשטע פּערזאָן סינגולאַר פֿון פּרעזענס ענדיקט זיך אויף ־ל מיט אַ פּאָרויסיקן קאָנסאָנאַנט.

בּרעקלען, גראַבּלען, זידלען, טרייסלען, פּלאַפּלען.

ד) אויב די ערשטע פּערזאָן סינגולאַר פֿון פּרעזענס ענדיקט זיך אויף ־ם.

נעמען, קומען, (זיך) באַרימען; גענומען, געקומען.

ה) אויב די ערשטע פּערזאָן סינגולאַר פֿון פּרעזענס ענדיקט זיך אויף ־ן.

ברענען, געפינען, ווינען, קענען, רינען, שפּינען; ברענענדיק, געפינענדיק, ווינענדיק; געפונען, גערונען, געשפּונען.

ו) אויב די ערשטע פּערזאָן סינגולאַר פֿון פּרעזענס ענדיקט זיך אויף ־נג, ־נק.

הענגען, זינגען, בענקען, טרינקען; הענגענדיק, זינגענדיק, בענקענדיק, טרינקענדיק; געהאַנגען, געזונגען, געטרונקען.

116. - (ע) נ י ו.

זינעניו, טאַטעניו, משהניו.

117. - (ע) נ י ש.

טיפעניש, מ[illegible]יהניש, פינצטערניש, רעטעניש.

גיב אכטונג: לייעניש.

118. - (ע) ש י.

זיידעשי, טאָכטערשי, מאַמעשי.

119. - ע ר אין ווערטער פֿונעם טיפּ: זשאַנער, טעאַטער, ליטער, מאַנעווער, מעטער, צווינטער, צענטער, קאַדער, קאָנטער(רעוואָלוציע); פּלוראַל: זשאַנערס, טעאַטערס, ליטערס, מאַנעווערס, מעטערס, צווינטערס, צענטערס אאַז״וו. דאָקטאָר אָדער דאָקטער (אויב עס מיינט דאָקטאָר מעדיצין); אָבער בדרך־כּלל: דאָקטאָר, פּראָפעסאָר, רעדאַקטאָר אד״גל; אַמאַטאָר, ראַדיאַטאָר אאַז״וו.

120. - ק י י ט.

האַרעמקייט, פיינקייט.

ניט: האַרעמקייט, פיינקייט. זע תקנה 90 א).

אויב דער [illegible]ורש ענדיקט זיך אויף ־ג, בלייבט דער ג אין סובסטאַנטיוון אויף ־קייט.

קלוגקייט, שטרענגקייט; גרינגקייט (להיפך צו: גרינקייט).

אויב דער אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אויף ־ק, שרײַבט מען בלויז איין ק.

קראַנקייט, שטאַרקייט, שלאַנקייט; ליכטיקייט, רייניקייט, פרײדיקייט.

ניט: קראַנקקייט, ליכטיקקייט אאַז״וו.

121. ־קע.

בלאָנדינקע; שנײַדערקע; ברודערקע; חיימקע.

122. צונויפטרעף מיט ־ס.

ט + ס = טס: (דו) האַלטסט, (דער) עלטסטער, (אַ) גוטס.

ס + ס = ס: (דו) רײַסט, (דער) זיסטער, (אַ צינגעלע אַ) װײַס.

צ + ס = צס: (דו) זיצסט, (דער) קירצסטער, (אַ) שוואַרצס.

ש + ס = שס: (דו) חידושסט (זיך), (דער) פרישסטער, (אַ) פרישס.

טש + ס = טשס: (דו) פאַטשסט, (דער) דײַטשסטער, (אַ) דײַטשס.

ז + ס = זס: (דו) מוזסט, (דער) בייזסטער, (אַ קינד אַ) בייזס, נײַהויזס.

דז + ס = דזס: (דו) האַלדזסט.

ח + ס = חס: (דו) ממיחסט, (דעם) משרחס.

זע דערצו די תקנה 45 ג).

123. צונויפטרעף מיט ־ט.

ט + ט = ט: (ער, איר) וואַרט, פאַסט; געוואַרט, געפאַסט.

ד + ט = דט: (ער, איר) שנײַדט; גערעדט.

124. צונויפטרעף מיט ־סט אין דער צווייטער פערזאָן סינגולאַר פון די ווערבן, וואָס זייער שורש ענדיקט זיך אויף ־סט.

סט + סט = סט: (מעסטן — דו) מעסט, (פאַסטן — דו) פאַסט.

125. אַלגעמיינער כּלל פאַר 122—124:

בדרך־כּלל שטעלט מען די ענדונגען ־ס, אָדער ־ט, אָדער ־סט אין דער בייגונג ניט געווענדט אין דעם, מיט וואָסער סוף שורש די דאָזיקע ענדונגען טרעפן זיך צונויף; אויב אָבער דער שורש גופא ענדיקט זיך אויף ־ס, אָדער ־ט, אָדער ־סט, שטעלט מען די דאָזיקע אותיות מערניט איין מאָל.

VII. באַזונדער, באַהאָפטן, אין איינעם

סומירונג

126. בײַ ווערטער, וואָס בנוגע זיי שטעלט זיך די פראַגע וועגן שרײַבן באַזונדער, באַהאָפטן מיט אַ מקף אָדער אין איינעם, גייט דער כּלל אַזוי:

דער אַלגעמיינער גאַנג איז צו שרײַבן באַזונדער. וועגן שרײַבן באַהאָפטן אָדער אין איינעם זײַנען פאַראַן ספּעציעלע באַשטימונגען.

127. אויף צו אָריענטירן זיך אין די דאָזיקע ספּעציעלע באַשטימונגען דאַרף מען האָבן אין זינען דרײַ גראַמאַטישע באַגריפֿן:

א) אַדווערביאַלע פֿאַרבינדונג, וואָס איר ערשטער עלעמענט איז אַ פּרעפּאָזיציע (זע תּקנה 132);

ב) באַהעפֿטונג מיטן הויפּטאַקצענט אויפֿן ערשטן עלעמענט (צונויפֿ-העפֿט; זע תּקנה 139).

ג) באַהעפֿטונג מיטן הויפּטאַקצענט אויפֿן צווייטן עלעמענט (זע תּקנה 146).

128. וועגן די פֿאַלן פֿון שרײַבן באַזונדער רעדט זיך אין די תּקנות: 131; 132 א); 133.

129. וועגן די פֿאַלן פֿון באַהעפֿטן מיט אַ מקף רעדט זיך אין די תּקנות: 19; 139 ב); 143—146; 148.

130. וועגן די פֿאַלן פֿון שרײַבן אין איינעם רעדט זיך אין די תּקנות: 28; 30; 131 י); 132 ב); 134—138; 139 א); 140—142; 147.

באַזונדער

131. אין גאַנצן באַזונדער שרײַבט מען:

א) דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל אַ, אַן.

אַ מענטש, אַ גרויסער (מענטש). אַן עפּל, אַן איבעריקע (זאַך). אַ ביסל, אַ סך.

גיב אַכטונג: דרײַ אַ זייגער (פֿ״גל: דרײַ דעם זייגער).

ב) דעם באַשטימטן אַרטיקל און דעם אָנווײַזיקן פּראָנאָמען ד ע ר, ד י, ד אָ ס.

דער מאַן, די פֿרוי, דאָס קינד; די וועלט (אין יענע וועלט); אָט דער, דער אָ, דער איינער, דער דאָזיקער, דער זעלביקער (זעלבער), דער יעניקער, דער נעמלעכער, — און אַזוי אויך אין אַלע בייגפֿאַלן.

ג) פֿאַרבינדונגען פֿון סובסטאַנטיוון ווי: (אַ) גלעזל טיי, (אַ) פֿונט צוקער, (דער) שטייגער לעבן.

ניט: גלעזל-טיי, פֿונט-צוקער, שטייגער-לעבן.

ד) פֿאַרבינדונגען פֿון אַן אַטריבוטיוון אַדיעקטיוו מיט אַ סובסטאַנטיוו.

(אַ) היימיש ווינקל, (אין דער) ייִדישער ליטעראַטור.

ניט: היימיש-ווינקל, ייִדישער-ליטעראַטור.

ה) צ ו ם בײַם סופּערלאַטיוו.

צום בעסטן, צום גרעסטן.

ו) **פֿאַרבינדונגען פֿון אַן אַדווערב מיט אַן אַדיעקטיוו (אַדווערב).**

אַזוי גערופֿענע, אַלגעמיין מענטשלעך, ברייט פֿאַרצווייַגט, גוואַלדיק שווער, האַלב טונקל, הויך אינדוסטריאַליזירט, זייער גרויסע, טיף פֿאַרוואָרצלטער, (די) צווייט גרעסטע (גרופּע), ריין וויסנשאַפֿטלעך שטאַרק הייס.

על־פּי אַנאַלאָגיע אויך: טויט שטיל, צוקער זיס, שטאָק פֿינצטער שפּאָגל נייַ.

ז) **דעם פֿאָדערטייל פֿון אַ ווערב, אויב ער שטייט נאָכן שורש.**

נעם איבער, (ער) גייט אָפּ, (מיר) שלאָגן פֿונאַנדער, (זיי) ליגן צו.

ניט: נעם־איבער, גייט־אָפּ אאַז״וו.

ח) **די העלפֿווערבן זייַן, ווערן, האָבן אין די ווערבן פֿונעם טיפּ: אויסן זייַן, גורם זייַן, מקנא זייַן; מגולגל ווערן, נתפּעל ווערן; הנאה האָבן, חרטה האָבן.**

דאָס אייגענע אין אַלע אַנדערע פֿאָרמען: (איך) בין גורם, (מיר האָבן) מקנא געווען, (זיי וועלן) מגולגל ווערן.

ניט: גורם־זייַן, בין־גורם אאַז״וו.

ט) **דעם פּראָנאָמען זיך ביי ווערבן.**

אָפּרוען זיך, (ער) רוט זיך (אָפּ).

ניט: אָפּרוען־זיך.

י) **צאָלווערטער.**

גרונטצאָלן: צוויי מיליאָן זעקס הונדערט זיבן און אכציק; טויזנט דרייַ הונדערט פֿיר און צוואַנציק.

אָבער סובסטאַנטיווירט: (דער) פֿינפֿאונצוואַנציקער אאַז״וו.

סדר־צאָלן: (דער) איין און צוואַנציקסטער; (דעם) הונדערט אכציקסטן.

באַזונדער אָדער אין איינעם

132. אין אַן אַדווערביאַלער פֿאַרבינדונג, וואָס איר ערשטער עלעמענט איז אַ פּרעפּאָזיציע, שרייַבט מען די פּרעפּאָזיציע אין טייל פֿאַלן באַזונדער, אין טייל פֿאַלן אין איינעם מיטן צווייטן טייל פֿאַרבינדונג. דער כּלל גייט אַזוי:

א) **אויב דער ניט־פּרעפּאָזיציאָנעלער עלעמענט באַגעגנט זיך פֿאַר זיך אויך, שרייַבט מען די פּרעפּאָזיציע באַזונדער.**

אויף דאָס נייַ, אויף דער נאַכט, אויף דער פֿרייַ, אויף צוריק; איבער אַ יאָר, איבער אַ נייַס, איבער אַכט טאָג, איבער מאָרגן; אין איין ווענס, אין איינעם, אין גאַנצן, אין דער הייך, אין דער לופֿטן, אין דער מיט, אין דער ערד (אין דר'ערד), אין דער פֿינצטער, אין דרויסן, אין מיטן, (זייַן) אין שטאַנד; ביז אַהער, ביז איצט, ביז מאָרגן; נאָך דעם;

פֿאַר וואָס, פֿאַר פֿרי; פֿון אַהײַב, פֿון דאָס נײַ (פֿון ס'נײַ), פֿון הינטן, פֿון ווײַט, פֿון ווײַטן, פֿון דער נאָענט, פֿון נאָענט, פֿון פֿאָרנט; צו ביסלעך, צו וואָס, צו וועגן (ברענגען), צו לעצט, צו נויט, צו ניץ (קומען), צו ערשט, צו פֿוס, צו שטאַנד (קומען), צום ערשטן אאַז״וו.

טעם: מיר האָבן אין אונדזער שפּראַכבאַנוץ באַזונדער, פֿאַר זיך, די ווערטער: דאָס, נײַ; דער, נאַכט; דער, פֿרײַ; צוריק; אַ, נײַס; איינעם; גאַנצן אאַז״וו.

ב) **אויב דער ניט־פּרעפּאָזיציאָנעלער עלעמענט באַגעגנט זיך ניט פֿאַר זיך, שרײַבט מען די פּרעפּאָזיציע אין איינעם מיטן צווייטן טייל פֿאַרבינדונג.**

צוזאַמען; צונויף; צופֿוסנס; צוקאָפּנס; צוריק.

טעם: מיר האָבן ניט אין אונדזער שפּראַכבאַנוץ באַזונדער, פֿאַר זיך, קיין ווערטער: זאַמען, נויף, פֿוסנס, קאָפּנס, ריק.

133. אויף צו שרײַבן, לויט תּקנה 132, די פּרעפּאָזיציע באַזונדער, איז גענוג, אויב דער ניט־פּרעפּאָזיציאָנעלער עלעמענט באַגעגנט זיך פֿאַר זיך אין וועלכער עס איז פֿאָרם, ניט דווקא אין דער פֿאָרם וואָס שטייט מיט אַ פּרעפּאָזיציע.

„אמתן" קען זײַן מערצאָל פֿון „אמת", ממילא: אין דער אמתן; „לופֿטן" קען זײַן פּלוראַל פֿון „לופֿט", ממילא: אין דער לופֿטן; „דאָס" און „נײַ" זײַנען פֿאַראַן אין דער שפּראַך, ממילא: פֿון דאָס נײַ; „וועגס" איז פֿאַראַן אין דער פֿאַרבינדונג „אַ שטיק וועגס", „מאָרגנס" און „נאַכטס" זײַנען געניטיוון און אין טייל געגנטן ניצט מען די פֿאָרמען אַפֿילו אַדווערביאַל, ממילא: אין איין וועגס, צוריק וועגס, צו מאָרגנס, פֿרײַטאָג צו נאַכטס; „ווײַטנס" קען זײַן געניטיוו פֿון „(דער) ווײַטער", ממילא: פֿון דער ווײַטנס.

134. אויב פֿון אַן אַדווערביאַלער פֿאַרבינדונג וואָס באַשטייט פֿון עטלעכע באַזונדער געשריבענע ווערטער פֿורעמט מען אַ סובסטאַנטיוו אָדער אַן אַדיעקטיוו, שרײַבט מען דעם סובסטאַנטיוו אָדער אַדיעקטיוו אין איינעם.

אויף דער נאַכט, אָבער: (דער קילער) אויפֿדערנאַכט; (הײַנט) אין דער פֿרי, אָבער: (דער הײַנטיקער) אינדערפֿרי.

אויף דער נאַכט, אָבער: אויפֿדערנאַכטיקע (שעהען); אין איינעם, אָבער: (די) אינאיינעמדיקע (שפּאַצירן); ביז אַהער, אָבער: (די) ביזאַהעריקע (רעזולטאַטן); ביז איצט, אָבער: (די) ביזאיצטיקע (אָפּמאַכן).

אין איינעם

135. אַפּיקסן (פּרעפֿיקסן און סופֿיקסן) **שרײַבט מען אַלע מאָל אין איינעם מיטן שורש ניט געוועגדס אין דער צאָל טראַפֿן.**

אין סובסטאַנטיוון: אומגליק, אַרצבעביסקופ, באַנעם, הינטערגעדאַנק, צונאָב, קאָפּטעררעוואָלוציאָנער, קענגווירקונג; גאָרטנוואַרג, ליבשאַפֿט, שיינהייט, שיינקייט.

אין אַדיעקטיוון און אַדווערבן: אומפֿאַרשטענדלעך, באַהאַרצט, צעקלעמט, פּראָיאָפּאַניש, פּרעהיסטאָריש, פֿאַרהיסטאָריש; לעבעדיקערהייט, משוגענערווײַז, קינדערלאָז.

אין ווערבן: א) מיט אַ פֿאָדערטראַף (פֿעסטער פּרעפֿיקס): אַנטלויפֿן, באַקוקן, דערשרײַבן, צעהאַקן, רעאָרגאַניזירן; ב) מיט אַ פֿאָדערטייל (אָפּטיילעוודיקער פּרעפֿיקס), אויב ער שטייט פֿאַרן שורש: אויבערנעמען, אָפּגיין, פֿאַרבײַלויפֿן, פֿונאַנדערנעמען, צוליינען.

זע אויך תקנות 86 א) — ב), 88.

136. די תקנה 135 איז חל אויך אויף העברעיזמען.

אומכּבֿוד, מיטחבֿר, חבֿרשאַפֿט; אומבררחמנותדיק; פֿאַרחלשט, באַטעמען, צעהרגענען, אָפּפּטרן, צוגנבֿענען.

137. ווען עס באַגעגענען זיך צוויי פֿון איינע קאָנסאָנאַנטן, איינער פֿון פּרעפֿיקס און איינער פֿון שורש, שרײַבט מען ביידע.

אוממיגלעך, אוממענלעך, אָננעמען, אָפּפּטרן, ארויספֿאַלן, אַרונטער־רײַסן, מיטטיילן, פֿאַררריכטן.

138. אין איינעם מיטן אַ שרײַבט מען די ווײַטערדיקע ווערטער: אַדורך, אַהיים, אַהין, אַהער, אַווּ, אַזאַ, אַזוי, אַזוינער, אַזעלכער, אַחוץ, אַמער, אַנאַנד, אַנו, אַנומלט, אַניט, אַפּשיטא, אַפֿרײַער, אַצונד(ערט), אַקאָרשט.

אין איינעם אָדער באַהאָפֿטן

139. אַ באַהעפֿטונג פֿון ווערטער וואָס האָבן זיך צונויפֿגעבונדן אויף אַזוי פֿיל, אַז אַ היפּטאַקצענט איז געבליבן מערניט אויפֿן ערשטן עלעמענט אירן (אַזאַ באַהעפֿטונג רופֿט זיך צונויפֿהעפֿט), שרײַבט מען אין טייל פֿאַלן אין איינעם, אין טייל פֿאַלן באַהאָפֿטן מיט אַ מקף. דער כּלל גייט אַזוי:

א) אויב דער צונויפֿהעפֿט איז ניט מער ווי דרײַטראַפֿיק, שרײַבט מען אים אין איינעם (זע תקנה 57).

דער צווייטער טייל אַ סובסטאַנטיוו: בלעטערפֿאַל, וואַסערמיל, זווערזאַלץ, יאָרצײַט, לופֿטפּאָסט, פֿליפּאָסט, קאָרטנטיש, קינדערפֿרײַנד, קלאַסנקאַמף, שולפֿאַראיין, שיקיינגל, שטורעמווינט, שפּראַכסיסטעם, שרײַבמאַשין.

דער צווייטער טייל אַן אַדיעקטיוו (אַדווערב): אַלטדרײַטש, גרויסהאַנטיק, מאָסגיביק, נײַהויכדײַטש.

גיב אַכטונג: גאָרניט, גאָרנישט, מערניט.

ב) אויב דער צונויפֿהעפֿט איז מער ווי דרײַטראַפּיק, שרײַבט מען אים מיט אַ מקף.

דער צווייטער טייל אַ סובסטאַנטיוו: גראַמאַפֿאָן-טישל, וואַסער-טרעגער, לערער-סעמינאַר, רולעטקע-טיש, רעדיאָ-קאָמיסיע, רעכן-מאַשין, שפּראַכן-סיסטעם.

דער צווייטער טייל אַן אַדיעקטיוו: מיטל-הויכדײַטש, אַלט-פֿראַנצייזיש.

נעם אָבער אין אַכט די תּקנות 28, 140, 143, 145.

140. די צאָל טראַפֿן דאַרף מען באַשטימען לויט דער קירצסטער פֿאָרם פֿונעם צונויפֿהעפֿט, און דעמאָלט בלײַבט שוין די אײַנאייגעמדיקע שרײַבונג אַפֿילו אויב די צאָל טראַפֿן פֿאַרגרעסערט זיך דורך אַ סופֿיקס אָדער אַן ענדונג.

פֿאָלקסלערער, ממילא אויך: פֿאָלקסלערערשאַפֿט; שיסטעררונג, ממילא אויך: שוסטעריִנגל, שרײַבמאַשין, ממילא אויך: שרײַבמאַשינען; ברייטהאַרציק, ממילא אויך: ברייטהאַרציקייט; גרויסהאַנטיק, ממילא אויך: גרויסהאַנטיקער; גרויסהאַלטער, ממילא אויך: גרויסהאַלטערײַ.

141. אויב אין אַ צונויפֿהעפֿט באַגעגענען זיך צוויי פֿון איינע קאָנסאָנאַנטן, שרײַבט מען בדרך-כּלל ביידע.

באַנקקוועטשער, בירגערעכט, הויפּטטייל, וואַשטישל, וווּללערנער, וועלטטייל, נאַכטטיש, פּראָפּפּאַראַיין, צוריקקער, קרייצציג.

ניט: באַנקוועטשער אאַז״וו.

142. בלויז איין קאָנסאָנאַנט שרײַבט מען אין די ווײַטערדיקע ווערטער: אויערינגל, אָרעמאַן, דריטל, פֿערטל אאַז״וו; האַנטעך, מיטאָג, שלימזל (הגם ס'איז בעצם: אויער+רינגל, אָרעם+מאַן, דריט, פֿערט+טייל, האַנט+טוך, מיט+טאָג, שלים+מזל).

נעם אויך אין אַכט: ביסטו; ניטאָ, נישטאָ (הגם ס'איז בעצם: ביסט+דו; ניט, נישט+דאָ).

143. אַ מקף שטעלט מען אין אַ צונויפֿהעפֿט אַפֿילו ווען די צאָל טראַפֿן איז ניט גרעסער ווי דרײַ:

א) אויב דער ערשטער עלעמענט איז אַ פּרט-נאָמען.

אָרט-קורסן, גראָסער-היים, הערצל-גאַס, יִוואָ-טאָג, פּרוג-שול, שטיינבאַרג-קלוב.

ניט: גראָסערהיים, גראָסער היים אאַז״וו.

ב) אויב אין אַ צונויפֿהעפֿט איז איינער פֿון די עלעמענטן אַ העברעיִזם.

ישיבֿה-בחור, שלאָף-חדר, שער-בלאַט.

ניט: ישיבֿה בחור, שלאָפֿחדר אאַז״וו.

ג) אויב צום צונויפהעפט (אַלץ איינס פון וויפל טראָפן ער לייגט זיך צונויף) קומט צו נאָך אַן עלעמענט.

פּליפּאָסט—הויפּט־פּליפּאָסט, עסטיש—קינדער־עסטיש, וואַל־קאַמיסיע—הויפּט־וואַל־קאַמיסיע, מחוצף־פּנים—ארצע־מחוצף־פּנים, קאָפּעקל—קאָפּעקל־סטאַדיע.

ניט: הויפּטפּליפּאָסט אאַז״וו.

ד) אויב די אינאײנעמדיקע שרײַבונג וואָלט געקענט פאַרשווערן דאָס לייענען אָדער אַרײַנפירן אין אַ טעות.

דער א־צייכן, אנטי־ייִד.

ה) זע תקנה 145.

144. אויב עס גייען נאָך אַנאַנד עטלעכע צונויפהעפטן, וואָס איין טייל זייערער חזרט זיך איבער, און מיר פאַרפעלן איבערצוחזרן דעם אידענטישן טייל, מוז נאָך יעדן טייל פון אַזאַ איבערגעהיפּערטן צונויפהעפט שטיין אַ מקף.

דער ארבעטער־, פּויערים־ און סאָלדאַטן־ראַט. צײַטונגס־ארטיקלען און ־נאָטיצן.

ניט: ארבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן־ראַט. ניט: צײַטונגס־ארטיקלען און נאָטיצן.

145. אין אַן איבערגעהיפּערטן צונויפהעפט שטעלט מען אַ מקף אַפילו ווען מיר האָבן צו טון מיט צוויי־ און דריי־טראַפיקע ווערטער.

פעלדגעוויקסן, וואַלדגעוויקסן; אָבער: פעלד־ און וואַלד־געוויקסן. אַלטדײַטש, נײַדײַטש; אָבער: אַלט־ און נײַ־דײַטש. ברויטקוואַס; אָבער: מאַלץ־, עפּל־ און ברויט־קוואַס.

באַהאָפטן

146. אַ באַהעפטונג פון ווערטער וואָס האָבן זיך צונויפגעבונדן אויף אַזוי פיל, אַז אַ הויפּטאַקצענט איז געבליבן מערניט אויפן צווייטן עלעמענט אירן, שרײַבט מען באַהאָפטן מיט אַ מקף.

גאָפּל־לעפל, חתן־כּלה, טאַטע־מאַמע; מזל־ברכה, לייענער־פרײַנד; בעל־שם, בעל־תשובה; אַלט־נײַ, חסידיש־נגידיש; געהרגעט־געמיחט; וואָרט־אויס, וואָרט־אײַן, וואָרט־אײַן; טאָג־טעגלעך; פראַנקפורט־מײַן, ראָסטאָוו־דאָן; גרויס־פּאָהולאַנקע.

ניט: גאָפּל לעפל, בעל שם, פראַנקפורט/מײַן אאַז״וו.

147. באַהעפטונגען מיטן הויפּטאַקצענט אויפן צווייטן עלעמענט שרײַבט מען אָבער אין איינעם:

א) אויב דער דאָזיקער צווייטער עלעמענט איז אַ פּרעפּאָזיציע (זע תקנה 58).

דורכויס, דערבײַ, דערנאָך, דערצו, פאַרבײַ, פאָרויס.

ב) אויב די עלעמענטן זײַנען צונויפגעבונדן אויף אַ פרעמדלעכן שטייגער און זײַנען אַרײַן אין ייִדיש פאַרטיקערהייט (זע תקנה 57).

אויטאָביאָגראַפיע, מיקראָביאָלאָגיע, נעוראָפּאַטאָלאָגיש, עגאָצענטריזם, פּסיכאָאַנאַליז.

ניט: אויטאָ־ביאָגראַפיע אאַז״וו.

גיב אָבער אַכטונג: העלדן־ביאָגראַפיע, געווירקסן־ביאָלאָגיע אאַז״וו, מחמת די דאָזיקע ווערטער זײַנען צונויפגעבונדן אויף אַ ייִדישן שטייגער.

148. **אַ מקף שטעלט מען אויף:**

א) **אין באַהעפטונגען מיט ניט, נישט.**

סובסטאַנטיוון: ניט־ייִדן, ניט־פילאָלאָגן; סובסטאַנטיווירטע אַדיעקטיוון: ניט־גוטער; אַטריבוטיווע אַדיעקטיוון אָדער פּאַרטיציפּן: (אַ) נישט־מאַרקסיסטישער (אופן טראַכטן), (אַ) ניט־געלייענט (בוך).

אָבער: (דאָס איז) ניט גוט (אויסגעלייגט); (דער אופן טראַכטן איז) נישט מאַרקסיסטיש; (איך האָב דאָס בוך) ניט געלייענט.

ב) **אין באַהעפטונגען פון עטלעכע ווערטער וואָס ווערן אויפגענומען ווי איין גאַנצהייט.**

(אַ גאַנצער) יאָ־טעבע־דאַם, (אַ) לאָז־מיך־געמאַך־קרעכצעלע.

נעם אין אַכט די שרײַבונג: (דער) שמעון פרוג־אָוונט, (דער) ד״ר שלמה עטינגער־יובל־קאָמיטעט, (דער) י. ל. פּרץ־שרײַבער־פאַראיין.

ניט: שמעון פרוג אָוונט, שמעון־פרוג־אָוונט.

ג) זע תקנות 139 ב), 143—145.

VIII. פּאַראַלעלע שרײַבונגען

שרײַבונג דיפערענצירט לויטן פשט

149. פאַראַן ווערטער וואָס זײַנען אידענטיש אָדער נאָענט צווישן זיך לויט זייער אָפּשטאַם, נאָר אין אויסלייגן זײַנען זיי דיפערענצירט לויטן פשט:

אַהיים; אַהיים אאַז״וו (זע תקנה 138).

אַקאָרשט (אַקצענט אויפן צווייטן טראַף)—אָט, אָנו (גיב נאָר אַקאָרשט אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך). אָקע[illegible] (אַקצענט אויפן ערשטן טראַף)—נאָר וואָס, קוים־קוים, שיִער ניט (אָקערשט איז ער דאָ געווען; אָקערשט טאָג, ווען אַלע שלאָפן נאָך; ער איז אָקערשט פון דער הויט אַרויסגעשפּרונגען פאַר כעס; זע תקנה 106).

גרונד—מאָטיוו, טעם (ער האָט זיך באַליידיקט אָן שום גרונד; איך זע ניט קיין גרונד דאָס צו טון; מע מוז דאָס באַגרינדן). גרונט—דעק, תהום (גרייכן דעם תהום ביזן גרונט; אין גרונט ביסטו גערעכט; איך וועל זיך דערגרונטעווען דערצו).

דאָקטאָר; אָבער אויך דאָקטער, בשעת עס מיינט דאָקטאָר מעדיצין (זע תקנה 119).

וואָכנדיק — דאָס וואָס עס איז שייך צו דער וואָך, וואָס עס חזרט זיך איבער אַלע וואָך (נאָמבערגס „וואָכנדיקע שמועסן״); **וואָכעדיק** — דער היפך פֿון שבתדיק, יום־טובֿדיק.

פֿריינד — גוטער פֿריינד; **פֿריינט** — קרובֿ (פֿאַרגלײַך: ער האָט מיך צוגענומען זייער פֿריינדלעך; אָבער: מיר זײַנען מיט אים שטיקלעך פֿרײַנטלעך).

גלײַכבאַרעכטיקטע שרײַבונגען

150. פֿאַראַן טייל ווערטער וואָס מע מעג שרײַבן אויף עטלעכע אופֿנים, ווי ווער עס וויל, אָן שום חילוק אין פּשט.

די ווערטער זײַנען דאָ אויסגעשטעלט נאָכן אַלף־בית; בײַ די וואָס זײַנען שוין דערמאָנט אין די פֿריִערדיקע תּקנות איז צוגעגעבן דער נומער פֿון דער תּקנה.

אויסגעוועבט, אויסגעוועפּט (69).
אָנווערן: אָנגעוואָרן, אָנגעווירן.
באַקאַנט, באַקאָנט, באַקענט; באַקענען, באַקאָנען. אָבער נאָר „זיך באַקענען״ מיטן פּשט: געבן זיך צו דערקענען („יוסף האָט זיך באַקענט צו די ברידער״).
בלאָ, בלוי.
געבאָרן, געבוירן.
געוואָר, געוויר (ווערן).
געזינד, געזינט (מישפּחה).
גראָ, גרוי.
דאָנערשטאָג, דאָנערשטיק (89).
דינסטאָג, דינסטיק (89).
דערמאָנען, דערמאָנען.
וואַרגן, ווערגן.
וואָרן, וואָרעם (מחמת; 106).
ניט: וואָרום, וואָרין.
ווײַטאָג, ווײַטיק (89).
וויפֿל, ווי פֿיל.
זונטאָג, זונטיק (89).
זײַן: (איר) זײַט, זענט; (מיר, זיי) זײַנען, זענען.
טאָן, געטאָן; טון, געטון.

לײַען: געליגן, געליִען.
מאָנטאָג, מאָנטיק (89).
מיגלעך, מעגלעך.
מע, מען (אויך מ׳, אָבער נאָר פֿאַר אַ וואָקאַל וואָרט־אײַן) — פֿאַרן ווערב; מען — נאָכן ווערב.
ניט: מ׳גייט.
נוצן, ניצן; (צו) נוץ, ניץ (קומען).
(נאָר)ניט, (נאָר)נישט.
פֿאַרלירן: פֿאַרלאָרן, פֿאַרלוירן.
פֿאַרשידן, פֿאַרשיידן.
פֿינפֿטל, פֿיפֿטל; פֿינפֿטער, פֿיפֿטער.
ניט: פֿופֿטל, פֿונפֿטער.
פֿרײַטאָג, פֿרײַטיק (89).
פֿרירן: געפֿראָרן, געפֿרוירן.
קאָנען, קענען.
קיניג, קעניג.
קלויבן, קלײַבן.
קלעבן, קלעפּן (69).
ריידן, רעדן (אָבער בלויז: דו רעדסט, ער רעדט, גערעדט; און בלויז: די רייד).
שווערן: געשוואָרן, געשווירן.
שערן: געשאָרן, געשוירן.
שרײַען: געשריגן, געשריִען.

פֿילאָלאָגישע סעקציע פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

א. האַרקאַווי, מ. ווײַנרײַך, י. אַ. יאָפֿע, י. ל. כּהן, א. לאַנדוי

ש. ניגער, נ. פּרילוצקי, ז. קלמנאָוויטש, ז. רייזען

וויסנשאַפֿטלעכער סעקרעטאַר: מ. ווײַנרײַך

באַשלוס פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אָנגענומען אויפֿן פּלענום פֿון 3טן אָקטאָבער 1934

די 150 כּללים פֿון ייִדישן אויסלייג, וואָס די פֿילסעקציע האָט אויסגעאַרבעט, ווערן אָנערקענט פֿאַר אויסלייג־תּקנות פֿון ייִוואָ.

✱

באַשלוס פֿון אויספֿיר־ביוראָ פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אָנגענומען דעם 1טן סעפּטעמבער 1936

דאָס אויספֿיר־ביוראָ איז צופֿרידן געווען צו הערן דעם באַריכט וועגן דער אַרבעט פֿון דער אָרטאָגראַפֿישער באַראַטונג וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 28סטן און 29סטן יוני 1936 אין ייִוואָ לויט דער איניציאַטיוו פֿון דער ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן.

דאָס אויספֿיר־ביוראָ באַשליסט:

(1) באַשטעטיקן די שינויים וואָס זײַנען אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין די אויסלייג־תּקנות פֿון ייִוואָ אין רעזולטאַט פֿון דער דערמאָנטער באַראַטונג.

(2) אָפּדרוקן די נײַע פֿאָרמולירונג פֿון די אויסלייג־תּקנות אונטערן נאָמען „תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג“ אין דער סעריע „אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט“ נומ׳ 16.

מיטן פּובליקירן די דאָזיקע נײַע פֿאָרמולירונג ווערט בטל דער פֿריִערדיקער נוסח פֿון די אויסלייג־תּקנות, ווי ער איז געווען געגעבן אין דער בראָשור: „אויסלייג־תּקנות פֿון ייִדיש“ (סעריע „אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט“ נומ׳ 14, ווילנע 1935).

הערות.

I. די אויסלייג־תקנות וואָס ווערן דאָ געגעבן זײַנען אויסן פּראַקטישע צילן: ס'זײַנען ניט אַרײַנגענומען געוואָרן קיין זאַכן וואָס זײַנען קלאָר פֿון זיך אַליין; טייל מאָל זײַנען אין איין תקנה צונויפֿגענומען פֿאַקטן, וואָס היסטאָריש נעמען זיי זיך פֿון פֿאַרשיידענע מקורים.

II. די תקנות זײַנען אויסלייג־תקנות; זיי זאָגן גאָרניט וועגן ווערטער־אוצר, וועגן גראַמאַטיק, וועגן קאָרעקטער אויסשפּראַך. פֿון דער תקנה 102 איז ניט געדרונגען, אַז אַזוינע ווערטער ווי הימלאָז, קינדערלאָז ווערן רעקאָמענדירט; מע דאַרף פֿון איר נאָר לערנען, ווי אַזוי אויסצולייגן די דאָזיקע ווערטער, אויב מע ניצט זיי. די תקנה 110 פּסקנט ניט, אַז פֿונעם איז בעסער איידער פֿון דעם; זי זאָגט נאָר, אַז אויב מע ניצט דעם צונויפֿוואָקס, דאַרף מען אים אויסלייגן ניט אַנדערש פֿונעם. מיטן אָנווײַזן די שרײַבונג שלאַנגען (-נגען און ניט -נגן) איז ניט געפּסלט געוואָרן דער פּאַראַלעלער וואַריאַנט שלענג. די תקנה 10 ג) דאַרף מען פֿאַרשטיין אַזוי: אַלץ איינס, צי מע רעדט אַרויס jid צי id, אויסלייגן דאַרף מען דאָס וואָרט: יוד, חיריק יוד, דלד.

III. פֿאַר אַ צאָל ווערטער (זיי זײַנען צונויפֿגענומען אין דער תקנה 150) שטעלן אײַן די אויסלייג־תקנות גלײַכבאַרעכטיקטע שרײַבונגען. איטלעכער מעג ניצן דעם וואַריאַנט וואָס איז אים מער צום האַרצן.

•

די ווײַטערדיקע הערות זײַנען אויסגעשטעלט לויט די נומערן פֿון די תקנות.

1. נאָך אַן אות, ה, וועט צוקומען אין אַלף־בית, אויב מע וועט קאָנסטרויִרן אַ באַזונדערע געדרוקטע ליגאַטור פֿאַר ν. קאָנסטרויִרן אַזאַ ליגאַטור איז טאַקע אַן אויפֿגאַבע פֿאַר די שריפֿטגיסערײַען.

2. בײַם אויסשטעלן נאָכן אַלף־בית ווערטער, וואָס צווישן זיי איז ניטאָ קיין אַנדער חילוק ווי אין דער נקודה, דאַרף מען זיך האַלטן בײַ אַזאַ סדר: אות אָן אַ נקודה, פּתח, קמץ, מלופּם, חולם, חיריק, צירה, סגל. דערבײַ דאַרף מען זיך בנוגע העברעיִזמען האַלטן בײַ דער תקנה 20 און מע דאַרף די נקודה נעמען אין אַכט, אַלץ איינס, צי זי איז פֿאַקטיש אָנגעשריבן געוואָרן צי ניט. הייסט עס דער סדר איז אַזאַ: א (דער אות גופֿא), אַ (אומבאַשטימטער אַרטיקל), אָ (אויסרוף פֿון התפּעלות); באַם (אויסדרוק פֿון צושטימונג), באָם (אויב); דראַנג, דראָנג; זאַק, זאָק; פּאַר, פּאָר, פּאֵר; נבֿלה, נבֿלה, נבֿלה; רויקייט (רוי), רויִקייט (רויִק); שיין, שײַן; ערבֿ (ערבֿ זײַן), ערבֿ (אַ טאָג איידער); פּנים (טעקסט), פּנים; טער, שער (טיטלבלאַט).

7. אויב ו טרעפֿט זיך צונויף וואָרט־אײַן מיט אַן אַנדער וואָקאַל, קומט־ניט קיין מלופּם אין ו, אַלץ איינס, צי ער גייט פֿריִער צי שפּעטער: קאָנסטרויִרן, טוער, לועס, עקספּלואַטאַציע; ראַוס, בלויִנג (זע תקנה 10א), אַנטלײַונג, הערקולאַנעום, זעונג, צעוס.

8. ווער עס ניצט אין שרײַבן די צונויפֿגעגאָסענע צווייווואָוון, דאַרף מקפּיד זײַן צו שרײַבן דעם ע מיט אַ קײַקעלע, ער זאָל ניט אויסקומען ענלעך צו צוויי וואָוון.

7—11. אויב אַ דרוק פֿאַרמאָגט ניט קיין ו און י, מוז מען שטעלן אַ „שטומען" א אין די ווײַטערדיקע פֿאַלן: א) פֿאַרן אות וואָס וואָלט באַדאַרפֿט זײַן געפּינטלט: וואו, וואונדער, ראַאיסע, קאָאימברע, רואיק, בלויאינקער, שנייאיק, בלײַאיק, פֿעאיק; ב) נאָכן אות וואָס וואָלט

באדאַרפֿט זײַן געפּינטלט: סאוונג, דוואומווירּאט, באַציאונג, בליִאונג; ג) צ ו ו י ש ן די אותיות וואָס וואָלטן באדאַרפֿט זײַן געפּינטלט: וואַריִאירן, פֿריִאיק. מע דאַרף אָבער מאַכן אַלע אָנ־שטרענגונגען, אַז די דרוקן זאָלן זיך פֿאַרזאָרגן מיט וּ און יִ.

10—11. ממילא קומט ניט קײַן חיריק אונטערן י (אַלץ אײנס, צי מע רעדט דאָ אַרויס j צי j) אין אַזוינע ווערטער ווי: אַברעוו י אַצ י ע, אוו י אַצ י ע, אימפּער י ע, אינסטרוקצ י ע, בורזשואַז י ע, לעקצ י ע, מאַטער י ע, סאָצ י אַל, פֿאַמיל י ע, פֿונקצ י אָנירן, פֿונקצ י ע, קוראַטאָר י ום, ראַד י וס, רעוואָלוצ י ע אאַז״וו.

12. אַ מאָל הערט זיך אַ j צווישן i און דעם אַנדערן וואָקאַל: fri(j)er, ejrope(j)iš. אין שרײַבן באַצייכנט מען ניט דעם j.

23. דאָס אייגענע נאָך ק י ר צ ו נ ג ע ן סוף זאַץ: אַ בילעט קאָסט 2 גל׳ מיט 25 גר.

45 ג). גיב אַכטונג, אַז ־ס לאָזט מען דורך נאָר בײַ סובסטאַנטיוון וואָס ענדיקן זיך אויף ־ס; ווײַטער ווערט ס געשטעלט אַלע מאָל: קאַרל ק ר ו י ז ס סאַטירע, מאָריס ש וו אַ ר צ ס טעאַטער, שלום אַ ש ס ראָמאַנען אאַז״וו; פֿ״גל תקנה 122.

61—64. אין די דאָזיקע תקנות זײַנען צונויפֿגענומען זאַכן, וואָס אַ טײל פֿון זיי איז שווער פֿאַר ניט־ליטווישע יידן (פֿוס—פֿיס, געפֿינען—געפֿונען), אַ טײל פֿאַר ליטווישע (אָנהייבן—אָנגעהויבן). אַ לערן־מאַטעריאַל פֿאַר שולן זײַנען געווײנטלעך נאָר יענע שרײַבונגען, וואָס זייערע שוועריקײטן נעמען זיך פֿון די קינדערס דיאַלעקט.

72. גיב אַכטונג, אַז דאָ רעדט זיך פֿון צנ אין ש ו ר ש; הייסט עס: ק ל ע נ ס ט ע ר, ש ע נ ס ט ע ר.

87. צ ו („צו ווייסטו?") סײַדן אויף איבערצוגעבן עמעצנס דיאַלעקטישע אויסשפּראַך.

88. גיב אַכטונג, אַז דאָ רעדט זיך נאָר וועגן ווערבן און נאָר וועגן אַ פֿאָדערטראַף (ניט־אָפּטײלעוודיקער פּרעפֿיקס) מיט אַ באַשטימטן פּשט; הייסט עס צו אַזוינע ווערטער ווי צ ו ז א מ ע ן, צ ו נ ו י ף, צ ו פֿ ר י ד ן אאַז״וו איז דאָס ניט שייך.

101. די תקנה לערנט, ווי אַזוי מע דאַרף אויסלייגן דעם סופֿיקס ־ י ש, ־ י ש ע ר; דאָס מיינט אָבער ניט, אַז אַזעלכע פֿאָרמען ווי ל ע ר ע ר ש ע ר, ע ס ט ר ײַ כ ש ע ר, ש נ ײַ ד ע ר ש ע ר (וווּ דער סופֿיקס איז ניט ־ישער, נאָר ־שער) זײַנען פּסול.

123. נעם אָבער אין אַכט: ג ע ל י ט ן, (א ו י ס) ג ע מ י ט ן, ג ע ש נ י ט ן. אינעם פּאַרטיציפּ פֿון די דאָזיקע שטאַרקע ווערבן איז די ענדונג ־ן; דאָ איז הייסט עס קײַן צונויפֿטרעף פֿון ד מיט ט ניטאָ.

124. על־פּי אַנאַלאָגיע מיט 122 און 124 אויך פּוסט—(דער) פּ ו ס ט ס ט ע ר.

131 ג). „גלעזל־טיי" וואָלט געהאַט אַ זינען נאָר מיטן הויפּטאַקצענט אויפֿן ע, און ס׳וואָלט געמיינט, אַז חוץ דעם זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע סאָרטן טיי ווי ק ר י ג ל ט י י, פֿ ל ע ש ל ט י י, פֿ ע ס ל ־ ט י י אאַז״וו. „פֿונט־צוקער" איז דאָך אויך ניט געמיינט ווי אַן אַנטקעגנשטעלונג אַנטקעגן פּ ו ד ־ צ ו ק ע ר, ק י ל אָ ־ צ ו ק ע ר אד״גל.— פֿאַרגלײַך דעם אונטערשייד אין אינטאָנאַציע: אַ מאָל האָט מען געגלייבט אין ים־מענטשן און: אין טעאַטער זײַנען געווען אַ ים מ ע נ ט ש ן. גיב

אכטונג: אויפֿן אונטערשייד: דער שטײגער מאָלן און דער שטײגער־מאָלער; דער שטײגער לעבן און דער לעבנס־שטײגער.

132—133. מע דאַרף האָבן אין זינען, אַז די תּקנות זײַנען שייך נאָר צו אַדווערביאַלע פֿאַרבינדונגען, ווו דער ערשטער עלעמענט איז אַ פּרעפּאָזיציע. ממילא שרײַבן מיר: „ער האָט דאָס געטון צו ליבן פֿאָטער" („צוליב" אין איינעם), מחמת דאָ האָבן מיר ניט קיין אַדווערביאַלע פֿאַרבינדונג מיט אַ פּרעפּאָזיציע (ווי אַ שטײגער אין זאָץ: „טו דאָס מיר צו ליב"), נאָר אַ פּרעפּאָזיציע ממש. די תּקנות זײַנען ניט חל אויף אויסלײגן צונויפֿהעפֿטן ווי אַלצדינג, גאָרניט, מערניט, מחמת דאָ איז ניטאָ קיין פּרעפּאָזיציע. די תּקנות זײַנען אויך ניט חל אויף אַזאַ וואָרט ווי פֿאַרבײַ, ווו מיר האָבן ניט אין דער אַדווערביאַלער פֿאַרבינדונג קיין ניט־פּרעפּאָזיציאָנעלן עלעמענט.

133. דאַנען, וואַנען און אַנאַנד שרײַבט מען באַזונדער פֿון דער פּרעפּאָזיציע. ביז דאַנען, דורך דאַנען, פֿון דאַנען; ביז וואַנען, דורך וואַנען, פֿון וואַנען; בײַ אַנאַנד, דורך אַנאַנד, מיט אַנאַנד, נאָך אַנאַנד אאַז״וו.

137. פֿאַרגלײַך: אומענלעך (אום+ענלעך) און אוממענלעך (אום+מענלעך); אָפּאַכטן (אָפּ+אַכטן) און אָפּפּאַכטן (אָפּ+פּאַכטן); מיטרײַבן (מיט+רײַבן) און מיטטרײַבן (מיט+טרײַבן).

אינהאַלט

זײַטל

I. דער סדר פֿון אַלף־בית (תּקנה 1) 3

II. גראַפֿיק (תּקנות 2—54) 3

אַלף 3.— בית און בֿית 3.— וואָוו 3.— יוד 4.— צוויי יודן 5.— כּף און כֿף 5.— פּײ און פֿײ 5.— שין און שׂין 5.— תּוו און תֿוו 5.— פּשוטע אותיות און שלאָס־אותיות 5.— נקודות 6.— ראָשי־תּיבֿות און קירצונגען 6.— גרונט־ און סדר־צאָלן 7.— מאָסן, מינים געלט 8.— סדר פֿון שרײַבן 9.— קלאַמערן 10.— אַפּאָסטראָף 11.— אַריבערטראָגן אויף אַ נײַער שורה 11.— פֿרעמדשפּראַכיקער טעקסט 12.

III. וואָקאַלן און דיפֿטאָנגען (תּקנות 55—64) 12

IV. קאָנסאָנאַנטן (תּקנות 65—74) 14

V. פּרעפֿיקסן און פּרעפּאָזיציעס (תּקנות 75—88) 15

VI. סופֿיקסן און ענדונגען (תּקנות 89—125) 17

VII. באַזונדער, באַהאָפֿטן, אין איינעם (תּקנות 126—148) . . 22

סומירונג 22.— באַזונדער 23.— באַזונדער אָדער אין איינעם 24.— אין איינעם 25.— אין איינעם אָדער באַהאָפֿטן 26.— באַהאָפֿטן 28.

VIII. פּאַראַלעלע שרײַבונגען (תּקנות 149—150) 29

שרײַבונג דיפֿערענצירט לויטן פּשט 29. — גלײַכבאַרעכטיקטע שרײַבונגען 30.

באַשלוס פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג פֿון ייִוואָ 31

באַשלוס פֿון אויספֿיר־ביוראָ פֿון ייִוואָ 31

הערות 32